# סצענע 9 ב'

## Escena 9 B

### מאָטל און זײַן משפּחה אין רעסטאָראַן

Motl y su familia en el restoran

גיטל - אוי, אוי, אוי... קוק אויפֿן זייגער. עס איז שוין שפּעט.

בערל - וואָס עפּעס שפּעט ? עס איז איינס פֿינף און דרײַסיק. מיר עסן שטענדיק מיטאָג צוויי אַזייגער.

ציוקע - מאַמע, הײַנט ביסטו "נישט מיט אַלעמען".

מאָטל - און איך דאַרף קומען מיט אײַך אין רעסטאָראַן און זיך אָנטאָן אַן אַנצוג... ביסט טאַקע "נישט מיט אַלעמען".

גיטל - שוין, שוין, גענוג. בערל, בעט (באַשטעל) אַ טיש.

בערל - קעלנער, ביטע, אַ טיש פֿאַר פֿיר מענטשן.

קעלנער - זײַט אַזוי גוט, קומט מיט מיר.

גאָלדע - גיטל, טײַערע, וואָס מאַכסטו ?

גיטל - אוי גאָלדע, וואָס פֿאַר אַ סורפּריז !
ביסט דאָ מיט דײַן גאַנצער משפּחה ? וואָס פֿאַר אַ צופֿאַל!
איך בין אויך געקומען מיט מײַן משפּחה.

גאָלדע - מיט דײַן גאַנצער משפּחה ? אָבער ווו איז דײַן זון ?

גיטל - וואָס פֿאַר אַ פֿראַגע, דו געדענקסט נישט מײַן מאָטלען ?

גאָלדע - אוי, אַזאַ פֿײַנער בחור! וואָס מאַכסטו, מאָטל ?

גיטל - און איך זע דאָ דײַן זון. אָבער ווו איז דײַן טאָכטער ?

גאָלדע - וואָס פֿאַר אַ פֿראַגע ! דאָס איז מײַן טאָכטער רייזל.

גיטל - רייזל ? אוי רייזעלע, איך האָב דיך נישט דערקענט, אָן ברילן און מיט אַ נײַע פֿריזור. וואָס פֿאַר אַ שיינע פֿרײַלין !

יאָסל - גיטל, בערל... אַ לאַנגע צײַט וואָס מיר טרעפֿן זיך נישט. דאָ איז אַ טיש לעבן אונדז. זעצט זיך אַוועק.